

Office of Mental Health | Office of Addiction Services and Supports

# COVID-19 וואקסינען זענען פארזיכערט און ווירקזאם

**געדענקט: COVID-19** איז זייער ערנסט און קען פאראורזאכן שווערע מעדיצינישע קאמפליקאציעס און טויט ר"ל.



### דער וואקסין באשיצט אייך.

עס שטארקט אייער אימיון סיסטעם'ס נאטורליכע פארטיידיגונגען אנטקעגן דעם ווירוס. אויב איר זענט אויסגעשטעלט צו COVID-19 נאכן זיין פולשטענדיג וואקסינירט, ווייסט אייער אימיון סיסטעם ווי אזוי עס צו באקעמפן.



### דער וואקסין באשיצט אנדערע מענטשן.

ווי מער מענטשן עס ווערן וואקסינירט, אלס ווייניגער געלעגנהייטן האט דער ווירוס זיך צו פארשפרייטן. דאס מיינט אז ראטעס פון אינפעקציע וועלן אראפגיין און די פאנדעמיק וועט זיך ענדיגן! מיטן ווערן וואקסינירט, באשיצט איר אייער קאמיוניטי.




### אלע וואקסינען וואס זענען באשטעטיגט געווארן דורך די פאראייניגטע שטאטן זענען פארזיכערט און ווירקזאם צו פארמיידן COVID-19.

- אויב איר זענט איינע פון די זייער ווייניג מענטשן וואס באקומען COVID נאכן ווערן וואקסינירט, זענען אייערע אויסזיכטן פאר ערנסטע קראנקהייט אדער טויט ממש זעלטן. איבער 100,000 מענטשן האבן זיך פרייוויליג אנגעשלאסן אין די שטודיעס וואס האבן געצייגט אז די וואקסינען זענען פארזיכערט.



### וואס צו ערווארטן:

- אויפן טאג פונעם וואקסין, וועט איר אויספולן א DOH פארם אנליין צו דערקלערן אייער בארעכטיגונג.
- איר זאלט נישט נעמען קיין ווייטאג מעדיצין פארדעם, אבער איר קענט עס נעמען נאכדעם אויב איר האט יסורים.
- איר וועט טראגן אייער מאסקע בשעת'ן ווערן וואקסינירט.
- איר וועט באקומען אן איינשפריץ אין אייער אויבערשטע ארעם. איר קענט אויסוועלן וועלכער ארעם.
- נאכן ווערן וואקסינירט, וועט מען אייך באאבאכטן פאר אמווייניגסטנס 15 מינוט פאר סיי וועלכע זייטיגע ווירקונגען.
- אויב איר באקומט די Pfizer אדער Moderna וואקסין, וועט איר צוריקקומען אין 3-4 וואכן פאר א צווייטע דאזע. אויב איר באקומט די Johnson and Johnson וואקסין, וועט איר באקומען בלויז איין איינשפריץ.
- איר ווערט באטראכט אלס פולשטענדיג וואקסינירט צוויי וואכן נאך אייער לעצטע דאזע.

## זייטיגע ווירקונגען

שטודיעס האבן נישט געטראפן קיין שום זייטיגע ווירקונגען פון וואקסינאציע. פיל מענטשן האבן נישט קיין זייטיגע ווירקונגען. טייל קענען האבן מילדע רעאקציעס אזוי ווי:

- ווייטאג אדער געשוואָלענקייט אינעם ארעם
- פיבער אדער טרייסלונגען
- מידקייט
- קאפווייטאג

די רעאקציעס באדייטן נישט אז איר זענט קראנק מיט COVID-19. דאס זענען צייכנס אז אייער אימיון סיסטעם גרייט צו אייער קערפער צו באקעמפן קאראנעווירוס. די זייטיגע ווירקונגען גייען געווענליך אוועק ביז 24-72 שעה.

## ...ביוא טריניסקאוו ןרעוו ךיא ןעק

| | |
|---|---|
| **איך נעם מעדיצינען, אריינגערעכנט סייקאטראפיק און סובסטאנץ באנוץ מעדיצינען?** | ✓ יא |
| **איך האב אנגייענדע צושטאנדן אדער הויכע-ריזיקע צושטאנדן?** | ✓ יא |
| **איך בין אן עלטערער ערוואקסענער?*** | ✓ יא |
| **איך האב נישט-וואקסין פארבינדענע אלערגיעס (צ.ב. מעדיצינען דורכן מויל אדער ענווייראנמענטל)?** | ✓ יא |
| **איך האב שוין פריער געהאט COVID-19, באקומען COVID-19 צווישן מיינע צוויי דאזעס, אדער האב יעצט COVID-19?** | ✓ Yes *פונדעסטוועגן, אויב איר זענט יעצט COVID-19 פאזיטיוו,ווארט ביז איר זענט ארויס פונעם איזאלירונג צייט-אפשניט פארן באזוכן א קליניק.* |
| **איך בין א מינדעריעריגער?** | *דער Pfizer וואקסין איז באשטעטיגט פאר מענטשן אין עלטער פון 16 יאר און העכער.* |
| **איך האב שוין אמאל געהאט אן אַלערגישע רעאַקציע צו א וואקסין אדער איינגעשפריצטע מעדיצין וואס איך האב באקומען אינעם פארגאנגענהייט?** | *רעדט צו אייער דאָקטער פארן ווערן וואקסינירט.* |
| **איך בין שוואנגערדיג* אדער זייגעדיג?** | *רעדט צו אייער דאָקטער פארן ווערן וואקסינירט.* |
| **איך נוץ דראגס (נישט-פרעסקריפשאן)?** | ✓ יא |

**איר זענט אין א העכערע געפאר פון קאמפליקאציעס פון COVID-19, דערפאר וועט איר האבן פריאריטעט צו באקומען דעם וואקסין.*

אינפארמאציע פון CDC, NIH, DOH

## זענט איר בארעכטיגט פארן וואקסין?

באזוכט https://am-i-eligible.covid19vaccine.health.ny.gov/

אויב איר באקומט סערוויסעס פון OMH, OASAS אדער OPWDD און איר דארפט הילף מיטן פראצעדור, באזוכט https://redcap.link/olov-eligible

אדער רופט: 1-833-NYS-4-VAX (1-833-697-4829)